# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**8:15**
מוצאי שב"ק....................**9:43**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............שמואל-ב' ה'-ו'
בבלי...........................ערכין ו'
ירושלמי..........מעשר שני כ"ג
תוספתא.............יבמות פרק ד'
רמב"ם.........טומאת צרעת י"ד

פרשת בהעלותך, י"ט סיון, אבות פרק ב', שנת תשע"ט לפ"ק    שנה 8, גליון 41 (401)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה.** חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דַאן קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְ'ן צְוֵוייטְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיּוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהַרְאַ"שׁ בְּרֶענְגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת, אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיין פִינְגֶער אַ רִינְגְל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם דְרֵיי אוֹתִיּוֹת - ג' ז' י'. עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן שְׁמֵייכְלֶען. דִי מְשָׁרְתִים הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל אוּן וָואס אִיז דָא צוּ שְׁמֵייכְלֶען, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם רִינְגְל אוּן וָואס מֵיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י', הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַּ'ם זֶ'ה יַ'עֲבוֹר" - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין. יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק: "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, נֶעם דִיר אַרַיין דִי אוֹתִיּוֹת ג'ז'י' אוּן גֶעדֶענְק אַז "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בְּהַעֲלֹתְךָ תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס דִי יִסוּרִים?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, וָואס הָאט מִיר מְחַזֵק גֶעוֶוען אַמָאל אִין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן. אָבֶער יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אַז קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶועט מִיר שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן.

אַלֶעס אִין לֶעבְן גֵייט מִיר שְׁוַוארְץ, דִי פַּרְנָסָה, דִי שָׁלוֹם בַּיִת, דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ אַלֵיין. אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעהַאקְט אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער, אוּן אִיךְ הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְן.

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן, אוּן אִיךְ הָאבּ פַּיינְט יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיךְ בִּין דָארְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג זֶעלְבְּס זִיכֶערְקֵייט אִיבֶערְצוּלָאזְן דִי פָּאסְטְן אוּן גֵיין זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה.

דֶערְוַוייל וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער דֶעפְּרֶעסְט יֶעדְן טָאג, אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶער מַיינֶע וֵוייטָאגְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָאנְטֶער חָבֵר, נִישְׁט קַיין רֶבִּי אָדֶער רָב, אוּן אֲפִילוּ פַאר מַיין וַוייבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אִיבֶער מַיינֶע אִינֶערְלִיכֶע יִסוּרִים.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פִּיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פִילֶע לַאנְגֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה'ס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּאגָאסְן מִיט טְרֶערְן, אָבֶער ווִי עֶס זֶעט אוֹיס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרֵירָה וָואס בְּלַייבְּט מִיר אִיז נָאר צוּ שְׁטַארְבְּן, הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען שְׁטַארְבְּן, אִיךְ זֶע אַזוֹיפִיל גוּטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט, הַלְוַאי וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶענוּמֶען אַנְשְׁטָאט זֵיי.

אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ט אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁטַארְבְּן? שְׁטַארְבְּן וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין רֶגַע אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן עֶר ווִיל שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יִסוּרִים וָואס עֶר לַיידְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד): חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִין קֶבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט

>>>>>>

<<<<<<

נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוייניגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) "מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ" - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מִמֵילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מִמֵילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?"

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָה אַז עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען ווִי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז עֶר זָאל מַמָשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶוענֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט**

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

# רֵיינֶע אוֹיגְן – אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן

ס'אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט צָרוֹת, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען; מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פִּיזִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען; עֶס אִיז נִישְׁט לַייכְט דוּרְכְצוּשְׁפַּאצִירְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ס'אִיז אָבֶער יָא דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ מַאכְן דָאס לֶעבְּן גְרִינְגֶער, וִוי אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מֶען מַאכְט מִיט, אוּן דֶער וֶועג אִיז מִיט אֱמוּנָה!

וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז זַאכְן פִירְן זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע אוּן יֶעדֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דַאן וֶוערְט זַיין לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער, מֶען וֵוייסְט אַז מֶען לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט וָואס עֶר אִיז דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר פַאר'ן טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אַן אַדְרֶעס וואוּ מֶען קֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, קֶען מֶען דָאךְ גֵיין צוּ אִים אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אַז מֶען זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אִין וָואס מֶען הָאט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, קֶען עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי צָרָה הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וִוי אַזוֹי קוּמְט עֶס אָבֶער צוּ אַ אִיד אַז עֶר זָאל הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה? וִוי קוּמְט דָאס צוּ אַ אִידִישׁ קִינְד אַז עֶר זָאל הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה? אַ אִיד הָאט דָאךְ אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי קֶען דִי נְשָׁמָה זִיךְ קְוֶוענְקְלֶען אִין דִי אֱמֶת'דִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז דָאךְ אַ טֵייל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט זִיךְ לֵיידֶער פַארְשְׁמִירְט דִי נְשָׁמָה, בְּעִיקָּר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, עֶר הָאט גֶעזֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, אוּן דָאס הָאט אַרוֹיפְגֶעשְׁמִירְט אוֹיף זַיין מֹחַ אַ דִיקֶער שִׁיכְט פוּן שְׁמוּץ אוּן עֶקֶל, אוּן דָאס אִיז וָואס לָאזְט אִים נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְשְׁטָאט וָואס זַיין מֹחַ זָאל נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז עֶר לִיגְט אִינְגַאנְצְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט, אַז זַיין שֵׂכֶל זָאל זַיין קְלָאר אוּן לוֹיטֶער אוּן עֶס זָאל שַׁיינֶען בַּיי אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א'); אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אִין זַיין מֹחַ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ צוּזַאמְגֶעקוּקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס אִיז וָואס רַייסְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְט אִים דָאס לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, בַּמִּדְבָּר, י"ז) "כְּשֶׁאַחֲזִיר שְׁכִינָתִי לְצִיּוֹן, אֲנִי נִגְלָה בִּכְבוֹדִי עַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְרוֹאִים אוֹתִי וְחַיִּים לְעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ"ב, ח') 'כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ', וְלֹא עוֹד אֶלָּא מַרְאִים אֶת כְּבוֹדִי זֶה לָזֶה בְּאֶצְבַּע וְאוֹמְרִים (תְּהִלִּים מ"ח, ט"ו) 'כִּי זֶה אֱלֹקִים אֱלֹקֵינוּ'", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער זֶען קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אוּן וַוייזְן אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן אַז מֶען זֶעט אָפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶער אֲפִילוּ יֶעצְט, וֶוען מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ נָאךְ אִין גָלוּת, אוֹיבּ אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, רוּט אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה בַּיי אִים, עֶר קֶען שׁוֹין יֶעצְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִירְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְער אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ב, ח') "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

אַ אִיד וָואס פַארְשְׁמִירְט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, הָאט עֶר זוֹיבֶּערֶע אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קֶען מִיט דִי אוֹיגְן זֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ"ד) אַז דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶעעֶן שְׁטֶענְדִיג גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, נָאר עֶס גֵייט דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער מֹחַ קֶען נִישְׁט אוֹיפְכַאפְּן וָואס דִי אוֹיגְן הָאבְּן גֶעזֶען. יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע אוּן זוֹיבֶּערֶע נְשָׁמָה וָואס מִיט דֶעם וָואלְט עֶר גֶעהַאט דֶער כֹּחַ צוּ קֶענֶען זֶען אוּן שְׁפִירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט; נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁמִירְט זִיךְ דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט מֶער נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ט"ו, ל"ט) "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", אַז אֵיינְס בְּרֶענְגְט דָאס צְוֵוייטֶע, וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן וֶוערְט מֶען אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאכְצוּגֵיין נָאכְ'ן הַארְץ אוּן מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דָאס קוּקְן שְׁמוּץ מַאכְט אַז דָאס הַארְץ זָאל וֶוערְן פַארְקְרִימְט אוּן דֶער מֹחַ זָאל וֶוערְן צוּטוּמְלְט, מֶען זָאל וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין שׁוּם סִפּוּק אוּן גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן)

>>>>>>
אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת; פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מְמֵילָא קֶען זַיין אַז מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארִים אָדֶער אַ פְלִיג אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וֶוען מֶען כַאפְּט דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִירְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאל אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע רִיר אוּן יֶעדֶע שְׁטָאךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען שְׁפִּירְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערִים אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל – עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן – עֶר וִויל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אִים מִיט זַיין יְשׁוּעָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ – שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וכו'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ – יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאךְ גֶעבְּן אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' – הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיוּאָשׁ וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.**

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




BreslevCenter.com\answers

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקָּאצְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָּה פוּן כַּעַס, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ וַוארְטְן אִין אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע צִימֶער בִּיז עֶר וֶועט אִים אַרַיין רוּפְן. דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶערוּפְן דֶעם גַּבַּאי אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם חָסִיד. אַזוֹי הָאט דֶער גַּבַּאי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן 'בְּטָעוּת' אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַ קַאוֶוע, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד אָנְגֶערוּפְן צוּם גַּבַּאי: "סְ'אִיז גוּט, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט". נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער גַּבַּאי אָנְגֶעטְרָאטְן אוֹיפְן פִּיס אוּן זִיךְ וִוידֶער אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גַּבַּאי אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ קַיין אֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם חָסִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט מִיט דַיין כַּעַס, דֶער גַּבַּאי הָאט דִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן דוּ רֶעגְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף", הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר'ן גַּבַּאי אַז עֶר זָאל מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען אִיךְ וֵוייס אַז מֶען פְּרוּבִּירְט מִיר יֶעצְט אוֹיס'".

הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אָט דִי וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְדוּלָה זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען פְּרוּבִּירְט יֶעצְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ', וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעגְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן וָואלְסְטוּ זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט"; דַארְפְסְטוּ דָאס אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר כְּדַאי דִיר אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן, דֶעמָאלְט וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בְּהַעֲלֹתְךָ תשע"ט)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה שבתי מארקוס הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די מוסדות האבן א שטארקע הכרת הטוב פאר ר' שבתי פאר די פילע כוחות וואס ער לייגט אריין שטענדיג ארויסצוהעלפן מיט וואס מ'דארף, ובפרט מיט'ן צוזאמצושטעלן די רענט פאר'ן בנין הישיבה. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע. דורות ישרים ומבורכים. מיט סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **נחמן נתן בוים** הי"ו

בן מו"ה **עזרא** הי"ו

ונכד הרה"ג מוה"ר **דניאל** שליט"א

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

בת מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו

בן מו"ה **נתנאל** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

בת מו"ה **מאיר דוד פארקאש** הי"ו

בן מוה"ר **אברהם חיים** שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים. מיט סייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## אכטע חתונה אין היכל בית המדרש,

## מיט גרויס שמחה און פרייד

דעם דינסטאג איז געגאנגען אונטער די חופה החתן נחמן נתן בוים הי"ו בן מו"ה עזרא הי"ו, עב"ג בת מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו. די פרייליכע חתונה איז פארגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, וואו א שיינע ציבור משפחה און באקאנטע זענען זיך צוזאם געקומען זיך מיטצופרייען מיט די שמחת חתן וכלה.

די חתונה - אזוי ווי די פריערדיגע זיבן חתונות אין ישיבה - איז פארגעקומען אויפ'ן פשוט'סטן אופן וואס שייך, אבער די שמחה וואס איז געווען ביי די חתונה האט מען פאר קיין געלט אויף דער וועלט נישט געקענט קויפן, בשעת עס האט אין מציאות נישט געקאסט קיין איין סענט פאר די מחותנים.

שטייענדיג שוין ביים אכטן חתונה אין בית המדרש, איז עס שוין כמעט נישט קיין נייעס; עס ווערט שוין מער און מער ווי א געווענליכע ערשיינונג, אז ס'איז יא מעגליך חתונה צו מאכן די קינדער מיט א רואיגן געוויסן, אן דעם וואס מ'זאל זיך דארפן אנ'חובות'ן פאר לאנגע יארן.

אום פינעווע צייט איז מען זיך צוזאם געקומען צום קבלת פנים אין בית המדרש, וואו מען האט געזונגען שיינע ווארימע ניגונים. די געהויבענע חופה איז פארגעקומען אין הויף פון בית המדרש, און בשעת די חופה האבן די בחורים אנגעגרייט די סעודת החתונה אין בית המדרש. נאך די חופה איז מען אריינגעקומען אין בית המדרש, וואו עס איז געווען אנגעגרייט בילקעלעך, פיש און דיפס, און אין די זייט איז געווען ווארימע עסן, וואס יעדער האט געקענט נעמען וואס און וויפיל ער האט געוואלט לויט זיין באגער.

די עסן ביי די חתונה איז צוגעשטעלט געווארן דורך די פרויען פון אנשי שלומינו, איינע די פיש, א צווייטע די קוגלען, א דריטע די דיפס און סאלאטן, און אזוי ווייטער. און דאס אלעס ווערט צוגעשטעלט אין פלאסטיק געשיר פון די ישיבה.

ביי די חתונה איז נישט געווען קיין שום באצאלטע סארווירער אדער רוימער. ביי די מענער האבן די בחורים פון ישיבה צוגעגרייט און אראפגערוימט, און די זעלבע ביי פרויען האבן די מיידלעך פון די סקול געטוען די אלע ארבעט. און א פרוי פון אנשי שלומינו האבן גענומען די בילדער ביי די פרויען.

אום אכט אזייגער איז דער חתן אריינגעקומען צום טאנצן, דער עולם האט זיך געהויבן אין די לופטן, און משמח געווען דעם חתן מיט גרויס שמחה און פרייד.

צווישן די פילע רינגען ביים טאנצן, האט זיך אנגעזען א מערקווערדיגער רינג פון די ניין פרייליכע אינגעלייט וואס האבן חתונה געהאט אין ישיבה, די אכט פון ביז יעצט מיט'ן חתן וואס גייט חתונה האבן אין בית המדרש די קומענדיגע וואך אי"ה, עס פעלט זיי ב"ה גארנישט אין לעבן צוליב דעם וואס זיי האבן חתונה געהאט אין שול, און רחמנות געהאט אויף זייערע עלטערנ'ס הערצער.

צען אזייגער האט מען געענדיגט טאנצן, און נאכ'ן בענטשן איז מען צוגעגאנגען צום מצוה טאנץ, דער שמש האט געזינגען דעם שיינעם "יעמוד יעמוד" אויסרופנדיג די זיידעס, מחותנים, און חתן כלה, צו טאנצן די ריקודין לפני הכלה.

ווען די חתונה איז פארטיג געווארן, א פערטל צו עלף, איז יעדער אהיים געגאנגען פרייליכערהייט, און צו די זעלבע צייט זענען אויך די חתן כלה און די מחותנים יעדער אהיים צו זיך מיט פרייליכע געמיטער און א גרינגע געוויסן, וויסנדיג אז מען האט נישט געבארגט פאר די פרייליכע חתונה קיין איין דאלער, און מ'איז נישט געווארן קיין בעל חוב צוליב חתונה מאכן.

פילע משפחה מיטגלידער האבן זיך אויסגעדרוקט אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט מיטגעהאלטן אזא פרייליכע לעבעדיגע חתונה, און צו וואס פעלט טאקע אויס צו פארשווענדען אידיש געלט אומזיסט?

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און כמותם ירבו בישראל, עס זאל צוריק קומען די ריכטיגע געשמאק ביי א אידישע שמחה, ווען מ'פרייט זיך אז מ'איז זוכה אז נאך א פארפאלק שטעלט אויף א ערליכע אידישע שטוב אזוי ווי דער אייבערשטער וויל, מ'זוכט נישט צו געפעלן פאר מענטשן נאר מ'טוט דעם אייבערשטנ'ס רצון, וואס דאס האט אלע חן אויף דער וועלט.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**


## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**